# ליל ש"ק פרשת ואתחנן תשס"ח

פרייטאג צו נאכט'ס אין די ערשטע סעודה האט מוהרא"ש נ"י גערעדט מורא'דיגע דיבורים לויט די רבינ'ס דיבורים אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' צט, וואס רעדט פון דעם פסוק: "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", עיין שם.

## תפילה בכל מצב

זאגט דער הייליגער רבי ז"ע, שטייט (דברים ג, כג): "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר". א מענטש דארף דאווענען מיט א גרויסע דבקות צו השם יתברך. אבער זענען פאראהאנען צייטן, אז ער קען נישט דאווענען בדביקות, זאל ער נישט זאגן איך דאווען אינגאנצן נישט, ווייל איך קען נישט גוט אינזינען האבן, און די תפילה ווערט נישט אנגענומען, און אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות לד ע"ב): אויף רבי חנינא בן דוסא, וואס ער האט געדאווענט אויף די קראנקע און ער האט געזאגט, דער לעבט און דער איז שוין טויט, האט מען איהם געפרעגט: פון וואו ווייסטו, האט ער געענפערט, אויב די תפילה איז שגור אויף מיין מויל (ס'שיקט זיך ארוים), ווייס איך אז עס איז אנגענומען, און אויב נישט ווייס איך אז עס איז אפגעשטופט געווארן.

און דאס איז לויט אונזערע רייד, אויב אין דביקות, וואס דעמאלט איז די תפילה שגור אין באוויליגט פון זיי מויל, איז דאס איז אנגענומען, און אויב נישט, אין דאס איז חס ושלום, פארקערט, זאל ער אויך דעמאלט אזוי נישט געזאגט, נאר ער זאל תמיד מתפלל זיין, און אויב ער וועט נישט קענען דאווענען בדביקות, אזוי ווי עס ברויך צו זיין, זאל ער דאווענען מיט די גאנצע כח, ווייל בשעת ווען ער וועט וועלן דאווענען בדביקות, וועט ער ארויפברענגען אלע תפילות מיט יענע תפילה וואס ער האט געדאווענט אזוי ווי עס דארף צו זיין.

און דאס איז די פשט "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אייביג! סיי אין דביקות און סיי נישט אין דביקות, "בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", ווען איך וועל זוכה זיין צו דאווענען מיט דביקות, וואס דאס איז די בחינה פון 'שגורה תפלתי בפי', דאס הייסט "בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", אז די דיבורים ווערן געזאגט און באוויליגט ווייל ער דאווענט מיט דביקות, וועט ער ארויפברענגען אלע תפילות וואס ער האט געדאווענט ביז יעצט, עד כאן לשון רביז"ל.

## חשיבות כל תנועה

און מוהרא"ש נ"י האט מסביר געווען, אז די ידיעה דארף יעדער זיך גוט איינווארצלענען, אז יעדע תנועה וואס ער טוט לכבוד השם יתברך, אפילו ווען עס איז נישט אין די ריכטיגע דביקות אזוי ווי עס וואלט געדארפט צו זיין, איז טייער ביי דער אייבישטער, און עס טוט אויף אויבן, ווייל ביי דער אייבישטער איז טייער יעדע תנועה פון א איד, און דער אייבישטער כביכול שטאלצירט זיך מיט יעדע תנועה, און א מאל עפעס גאר א נידעריגע איד שאקלט אפ זיין פיאה, און עס איז זייער טייער ביים אייבישטער, און השם יתברך האט א גרויסע התפארות דערפון (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' יז), ווייל א איד איז א חלק אלוק ממעל, און ער איז פארבינדען אין אלע העכערע עולמות, דעריבער טוט ער מורא'דיג אויף אויבן אין הימל מיט אלע זיינע פעולות, און אזוי ווי אמאל האט דער רבי ז"ע זיך אויסגעדרוקט ווען ער האט געשמועסט פון די מענטש'נ'ס גרויסקייט (חיי מוהר"ן סי' תקד), האט דער רבי געזאגט, ווען א מענטש טוט א מאך אזוי מיט זיין



breslevcity.co.il

האנד ווערט געטוהן אזוי אין די עולמות, און ער ווען ער טוט אזוי מיט זיינע הענד – ווערט אזוי געטוהן אין די עולמות, עיין שם.

## אף בלי דבקות

דעריבער טאר א מענטש נישט זאגן, אז אויב איך קען נישט גוט אינזינען האבן און זיין בדביקות, דאווען איך נישט! נאר ער זאל תמיד זיי אין דביקות און סיי ווען עס איז נישט אין דביקות, און ער זאל גלייבן, אז אויך די תפילה וואס איז נישט מיט דביקות טוט אויף א פעולה לטובה, אין די ראיה איז, אז בשעת ווען ער וועט זוכה זיין דאווענען מיט דביקות, וועלן ארויפגיין אלע תפילות וואס ער האט געדאווענט אן קיין דביקות צוזאמען מיט די תפילה וואס ער נישט געדאווענט בדביקות, און זיי וועלן זיך צונויף קומען און ער וועט געהאלפן ווערן.

קומט אויס אז א וודאי איז די תפילה אן דביקות איז נישט געווען אומזיסט, נאר עס האט געווארט צו א גוטע תפילה זאל קומען אויפהייבן, קומט אויס אז דווקא די נישט געהעריגע תפילה האט געקרוינט השם יתברך, און האט צו געברענגט די גוטע תפילה.

## אמונה ובטחון בעצמו

פון וו קומט די שוואכקייט, אז ער וויל נישט דאווענען פשוטע תפילות? דאס קומט פון א שוואכע אמונה, ער איז נישט זיכער ביי זיך, און ער גלייבט נישט אז יעדע תנועה זיינע איז וויכטיג און טייער ביי השם יתברך, און אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' סא), אז עס פארהאנען מענטשן וואס ס'איז דא אויף זיי מחלוקת, ווייל זיי האבן נישט אמונה אין זיך אליין, און זיי גלייבן נישט אין זייערע אייגענע חידושי תורה, און זיי גלייבן נישט אז השם יתברך האט גרויסע שעשועים פון זייערע חידושים. און דורך דעם אז זיי האבן נישט קיין אמונה אין די אייגענע חידושים, ווערן זיי פון דעם אפגעשוואכט, עיין שם.

ווייל א חלק פון די אמונה איז אויך צו גלייבן אין זיך, אז זענען דא אין איהם כוחות אנצוקומען צו גאר העכערע דערגרייכונגען אין עבודת השם, און צו גלייבן אז דער אייבישטער האט א גרויסע נחת רוח פון איהם. ווייל א מענטש איז א "חֵלֶק אֱלוֹהַּ מִמָּעַל" (איוב לא, ב), און אזוי ווי עס שטייט (דברים לב, ט): "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ", און דעריבער דארף ער גלייבן אין די כוחות וואס גאט ברוך הוא האט איהם געגעבן, און אויב ער גלייבט נישט איז ער בכלל 'קטני אמנה' אין דער אייבישטער, חס ושלום, און אזוי ווי דער רבי ז"ע זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' פו), אז עס איז דא אפאר בחינות אין 'קטני אמונה', ווארום עס זענען דא אפילו צדיקים וואס זיי זענען קטני אמנה, אזוי ווי חז"ל זאגן (סוטה מח ע"ב) אויפן פסוק (זכריה ד, י): "כִּי מִי בַז לְיוֹם קְטַנּוֹת" – 'ווער האט גורם געווען פאר די צדיקים זאל זיך אויסגעבען (שיתבזבז) זייערע טיש לעתיד לבא, די קְטְנוּת וואס איז געווען אין זיי', עיין שם. ווייל מ'דארף האבן א שטארקע אמונה אין זיך, און צו גלייבן אז יעדע תנועה זייערע איז טייער ביי השם יתברך, סיי אין דביקות און סיי נישט אין דביקות, דעמאלט וועט ער קענען אנקומען צו א גרויסע מדריגה, און צו זיין דבוק אייבישטער מיט א אמת'ן דביקות, אשרי לו ואשרי חלקו.

## שייך בכל הבחינות

און מוהרא"ש נ"י האט געזאגט, אז עס איז דא אגרויסע כלל אין די רבינ'ס ספרים, אז יעדע בחינה איז כלול פון אלע בחינות, דעריבער אויב

דער רבי זאגט ביי די ענין פון תפילה אז מ'דאווענט סיי בדביקות און סיי ווען עם איז נישט אין דביקות, אזוי איז אויך אין תורה און אין קיום המצוות, אז מ'דארף לערנען און מקיים זיין מצוות, סיי בדביקות און סיי ווען עם איז נישט אין דביקות, וכשיגיע לאן ער וועט אנצוקומען צו דביקות התורה און צו דביקות המצוות, וועלן זיך צוריק ווערן אויפגעהויבן די תורה און די מצוות וואס ער האט געטוהן נישט אין דביקות, און עם ווערט געמאכט דערפון א קרוין פאר דער אייבישטער

## סדר דרך הלימוד

און דאס איז וואס דער רבי ז"ע האט אונז אויסגעלערנט אין זיין סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן סימן עו), אז מען דארף לערנען כסדר א בלאט נאך א בלאט, און טאמער ער פארשטייט נישט גוט די לערנען, וואס דאס הייסט לערנען "שלא בדביקות", זאל ער נאר זאגן די ווערטער כסדרן, אזוי ווי זיי זענען, און צום סוף וועט ער שוין פארשטיין, ווייל דעם 'ריבוי הלימוד' [לערנען אסאך], איז איבער אלעסדינג. און ווער ער וועט אריבער גיין אויף די זאכן איין מאהל און נאך א מאהל, סוף כל סוף וועט ער אלעם פארשטיין און זיין לערנען וועט זיין - "לימוד בדביקות", אויף צוריק וועט ער ארויפנעמען אלעם וואס ער האט געלערנט אפילו אן פארשטאנד, ווייל דווקא דורך זיין התמדה אין תורה אפילו אן צו פארשטיין אלעם, און אן דביקות, וועט ער אנקומען צו הבנת און דבקות התורה, און ער וועט זוכה זיין צו זיין בקי אין די גאנצע תורה, אשרי לו.

און דאס אלם איז אויך אין קיום המצוות, ער זאל מקיים זיין די מצוות אזוי ווי ער קען, סיי אין דביקות און סיי נישט אין דביקות, און ער זאל גלייבן מיט אמונה שלימה, אז א ודאי האט דער באשעפער א גרויסער תענוג פון אלעם וואס ער טוט ווייל ער איז 'חלק אלוק ממעל ממש', און אלעם וואס ער טוט איז מיטן אייבישטער'ס כח, און מיט דעם וואס ער וועט האבן די סארט התחזקות וועט ער אנקומען צו גאר א גרויסע דביקות אין נכלל צו ווערן אינגאנצן אינעם באשעפער.

## אמונה ובטחון בעצמו

און דאס אלעם איז דער רבי ז"ע מלביש אין די פסוק "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' - אייביג! סיי אין דביקות און סיי נישט אין דביקות, ווייל 'ואתחנן' איז א לשון פון מתנת חנם (אזוי ווי רש"י טייטשט), און ווען א מענטש האט נישט קיין דביקות, קען ער נישט א ודאי זיך נישט פארלאזן אויף מתנת חנם אליין.

אבער ווען עם וועט אנקומען 'בעת ההיא לאמר', דאס הייסט ווען די רייד וועלן זיך ארוים ווארפן פון זיין מויל, ווען ער האט נישט גערעדט אין דביקות, וועלן צוריק ארויפגיין אלע תפילות וואס ער האט געדאווענט ביז יעצט.

און אזוי וועלן ארויפגיין אלע תורה און מצוות וואס ער האט געלערנט איז געדאווענט, ווייל קיין שום נקודה איז נישט געגאנגען אומזיסט, און אלע זענען טייער און וויכטיג ביי השם יתברך.

און השם יתברך וועט אונז מזכה זיין צו זיין זייער שטארק אין עבודת השם, און מיר וועלן זוכה זיין צו א גאנצע דבקות אינעם באשעפער, בי זמיר וועלן ארויפגיין און אינגאנצן נכלל ווערן אינעם אייבישטער, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

לעילוי נשמת הבח' אליהו ישראל ב"ר אריה לייב שנרצח ג' אב תש"ע



breslevcity.co.il